# חוקת בלק

## יב־יג תמוז

א. מ'האט שוין פיל מאל גערעדט וועגן דעם מאמר פון של"ה[1], אז אלע מועדי השנה, אפילו „מועדי דרבנן", האבן א שייכות צו די פרשיות התורה אין וועלכע זיי זיינען חל. דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער „חג הגאולה"[2] פון י"ב־י"ג תמוז — ווען דער רבי דער שווער איז אינגאנצן באפרייט געווארן פון זיין מאסר און גלות — האט א שייכות צום תוכן פון די פרשיות חוקת־בלק[3].

און אין דעם גופא זיינען דא דריי נקודות: (א) די שייכות צו פ' חוקת, (ב) די שייכות צו פ' בלק, (ג) די שייכות צוביידע סדרות צוזאמען, ווארום — ווי גערעדט פיל מאל[4] — ווען צוויי סדרות זיינען מחוברות און מ'לייענט זיי צוזאמען אין איין שבת, איז זייער התחברות אין אן אופן אז זיי ווערן איין סדרה (די חלוקת הקריאה איז אויף שבעה קרואים, עס איז דא נאר איין הפטורה, ועוד); ובמילא איז פארשטאנדיק, אז אין צוגאב צום באזונדערן תוכן וואס איז דא אין יעדער סדרה בפני עצמה, איז דא א תוכן משותף פון ביידע סדרות (וואס דערפאר קענען זיי נתחבר ווערן אלס איין סדרה) — און די שייכות פון חג הגאולה י"ב־י"ג תמוז צו חוקת־בלק איז אויך צו זייער תוכן משותף (ווי ס'איז מודגש אין קביעות שנה זו, וואס י"ב תמוז איז חל בשבת פ' חוקת־בלק)[5].

ב. דער נאמען פון דער (ערשטער) סדרה איז „חוקת". דער פשוט'ער טייטש פון „חוקה" איז — א ציווי וואס מען האט ניט קיין טעם אויף אים, און מ'איז אים מקיים בלויז דערפאר ווייל „חקה חקקתי גזירה גזרתי"[6] — דאס איז דער רצון פון דעם אויבערשטן.

דער ענין פון „חוקה" אין עבודת האדם איז די עבודה פון מסירת נפש[7], וואס איז למעלה מטעם ודעת. ווארום שכל קען געפינען טעמים צו טאן אזעלכע זאכן וואס זיינען מוסיף אין מציאות ושלימות האדם, אבער ניט „להשליך חייו מנגד", ער זאל ווערן „אויס" מציאות[8]; דערמיט איז מען מבאר[9] פארוואס „לא נאמר ענין המס"נ

---

1) חלק תושב"כ ר"פ וישב.

2) בלשון כ"ק מו"ח אדמו"ר (במכתבו — נדפס בסה"מ קונטרסים ח"א רלו, א) — „מועד המועדים". נתבאר בלקו"ש ח"ד ע' 1322.

3) בשנה זו חל י"ג תמוז בפ' פינחס. אבל נוסף לזה שהשחרור הי' ונודע לבעל הגאולה ביב תמוז (וביג תמוז הי' רק האמירה באופן רשמי — כי המשרד הי' סגור ביב תמוז — ראה ספר התולדות אדמו"ר מוהריי"צ ח"ג ע' 221) גם בשנה זו „מתברך" הוא בכלל משבת (שלפניו —) פ' חו"ב. ובקביעות אחרת — חל בפ' בלק ומתברך משבת פ' חוקת.

4) ראה בארוכה לקמן ע' 1־380 ובהערות שם.

5) ולהעיר, שפרשיות חוקת־בלק מחוברות בהקביעות די"ב תמוז שחל בשבת.

6) תנחומא פרשתנו (חוקת) ג. במדב"ר ריש פרשתנו. ועוד.

7) כפשוטה — נוסף על ש„נפש" פי' (ג"כ) „רצון" וכמש"נ אין נפשי (ירמי' טו, א. הובא בתו"א לו, ב. וראה סה"מ תש"ט ע' 227 בהערה).

8) תו"א צט, ב. לקו"ת ויקרא ד, ג.

9) סה"מ תרנ"ט ע' יג. סה"מ תש"ט ע' 121. וראה שערי אורה ד"ה וקבל היהודים פרק ח.

מפורש בתושב"כ[10], ווייל תורה שבכתב „הוא בחינת חכמה", און מסירת נפש איז העכער פון חכמה וטעם ודעת.

און דאס איז די שייכות פונעם תוכן פון חג הגאולה י"ב־י"ג תמוז צו פרשת חוקת: די עבודה פון בעל הגאולה והשמחה פאר הרבצת התורה (אין יענער מדינה) — וואס דערפאר האט מען אים ארעסטירט — איז געווען אין אן אופן פון „חוקת", מיט מסירת נפש שלמעלה מטעם ודעת. ער האט זיך איינער אליין קעגנגעשטעלט די גזירות פון א ממשלה תקיפה ועריצה, און אין א מדינה וואס לויט דעם דעמאלטיקן מצב איז (כמעט) ניט מעגלעך געווען צו ארויסגיין פון אירע גבולות — און פונדעסטוועגן האט ער זיך אינגאנצן ניט גערעכנט מיט אלע סכנה'דיקע מניעות ועיכובים און האט געטאן זיין ארבעט פאר הרבצת התורה והיהדות מיט מסירת נפש.

ג. דער נאמען פון דער סדרה — לויטן מנהג ישראל — איז (ניט „חוקת התורה", נאר) „חוקת" (סתם)[11]. און דער טעם דערויף קען מען זאגן:

די „חוקה" פון פרה אדומה, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דער סדרה, איז אויסגעטיילט אויך פון אנדערע חוקים דערמיט וואס זי איז לגמרי ניט אין גדר שכל והשגה, וואס דערפאר האט אפילו שלמה המלך — דער חכם מכל אדם — געזאגט[12]: על כל אלה עמדתי ופרשה של פרה אדומה .. אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני.

[דאס איז אויך דער טעם וואס דער פסוק זאגט „זאת חוקת התורה", אז די מצוה פון פרה אדומה איז די (אייג־ציקע) חוקה פון (גאנץ) תורה — ווייל זי איז א „חוקה" אויך לגבי אנדערע חוקים, זי איז אמיתית ענין החוקה וואס איז לגמרי העכער פון גדר השכל[13]].

און דערמיט איז מובן פארוואס די סדרה ווערט אנגערופן „חוקת" (סתם), און ניט „חוקת התורה":

אע"פ אז חוקים בכלל זיינען למעלה מן השכל, איז אבער אויך דער שכל האדם „מסכים", אז דער מענטש (דארף זיך ניט פארלאזן אויף זיין אייגענעם שכל, נאר) דארף מקיים זיין חוקים וועלכע ער פארשטייט ניט. במה דברים אמורים, אזעלכע חוקים וואס זיינען ניט היפך השכל — ער מיט זיין שכל פאר־שטייט טאקע ניט זייער טעם, אבער ער באגרייפט (אדער עכ"פ — ניט שולל) אז אין א פיל העכערער חכמה ושכל איז דא אויף זיי א טעם.

משא"כ פרה אדומה, וואס איז א דרגא פון חוקה וואס האט ניט קיין אחיזה אין שכל, זי איז היפך השכל[14], העכער

10) ראה בארוכה הערה בסה"מ תש"ט שם. נעתק בלקו"ש חי"ב ע' 212 ואילך.

11) ובסידור רס"ג (קריאת התורה) — „זאת חקת"*. אבל ברמב"ם „סדר תפלות כל השנה" — „זאת חקת התורה". ולהעיר מלשונו בהל' ס"ת פ"ח (פרשיות הסתומות כו') — „וידבר דזאת חקת".

*) כ"ה בפעם הא' שם. אבל אח"כ קוראה — „זאת חקת התורה" (ראה נוסח הערבי שם).

12) תנחומא שם ו. במדב"ר שם, ג (בסופו).

13) ראה גם לקו"ש ח"ח ע' 124 ואילך. לעיל ע' 229.

14) ראה בארוכה במקומות שנסמנו בהערה הקודמת. וראה לקו"ש ח"ד (ע' 1057 הערה 6), דמ"ש במדרש (תנחומא שם ח. במדב"ר שם, ו) דהקב"ה א"ל למשה „לך אני מגלה טעם פרה" — אין הכוונה לטעם שכלי, כ"א שמצד הביטול עצמי דמשה נרגש בו בחי' רצון העצמי בגלוי. וראה בארוכה לעיל (שם ואילך).

לגמרי אפילו פון בחי' חכמה ושכל התורה — די חוקה איז א איד מקיים נאר מיט דער תנועה פון ביטול צום אויבערשטנ'ס רצון.

ד. עד"ז זיינען דא צוויי אופנים אין מסירת נפש[15]:

ס'איז דא די בחי' פון מסירת נפש וואס איז פארבונדן מיט „חשבון", טאקע א חשבון דקדושה, אבער פארט א חשבון. דהיינו, אז איידער מען גייט אויף מסנ"פ, קוקט מען פריער אריין אין שו"ע[16] אויב מ'איז מחויב אין דעם מסנ"פ ע"פ תורה. און דאס איז „חוקת התורה" — ס'איז די „חוקה" ומסנ"פ ווי זי איז (אנגעזאגט און) „אויסגעמאסטן" מצד תורה, מצד שכל וחכמה דקדושה, וואס דערפאר האט זי שוין אויף זיך א געוויסע מדידה והגבלה.

דער צווייטער אופן פון מסירת נפש איז, ווען מ'מאכט ניט דערביי קיינע חשבונות, וואס די דרגא פון מסירת נפש ווערט אנגערופן „חוקה" סתם — זי איז העכער אויך פון „חוקת התורה"[17], ווייל זי נעמט זיך פונעם עצם הנפש פון א אידן, וואס איז (בשרש) העכער פון תורה[18], כמאמר חז"ל[19] „מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר", אויך פון מחשבת התורה. און מצד דעם עצמיות־דיקן פארבונד פון אידן מיטן אויבערשטן וואס איז העכער פון תורה, איז אויך די מסירת נפש פון א אידן צו מקיים זיין רצון ה' העכער פון יעדער הגבלה און חשבון.

און אזא אופן אין מסירת נפש איז געווען ביי דעם בעל הגאולה והשמחה[19*].

ה. די הרבצת התורה והיהדות פון דעם בעל הגאולה והשמחה האט זיך אויסגעשפרייט אויף גאר פיל ארבעט־געביטן: שיקן רבנים און שוחטים אין ערטער וואו זיי האבן אויסגעפעלט, אויפשטעלן מקוואות, גרינדן ישיבות פאר עלטערע בחורים, חדרים פאר תינוקות של בית רבן, וכו'.

אבער דער עיקר גזירת הממשלה, וואס דאס איז געווען דער עיקר סיבה וואס מען האט דעם רבי'ן ארעסטירט, איז געווען ניט (אזוי) צוליב זיין ארבעט אין הרבצת התורה וחיזוק היהדות צווישן דערוואקסענע און עלטערע אידן, נאר הויפטזעכלעך צוליב זיין אפ־געבן זיך מיטן חינוך פון תינוקות של בית רבן: און ניט קוקנדיק אויף אלע סכנות, האט זיך דער רבי אריינגע־ווארפן דוקא אין דעם סוג ארבעט מיט א באזונדערן שטורעם און התלהבות און מיט א גאר גרויסן פארנעם.

ולכאורה איז דא אן ארט פאר א שאלה: אמת, עס איז געווען נויטיק צו פארנעמען זיך מיט הרבצת התורה וחיזוק היהדות, אבער פארוואס זאל דאס זיין אין א וועג וואס ע"פ טבע זיינען ניטא קיין אויסזיכטן אויף הצלחה? לכאורה וואלט בעסער געווען צו פארנעמען זיך מיט אזא הרבצת התורה ארבעט וואו מען קען האבן הצלחה אויך ע"פ טבע — און ניט טאן

---

15) בהבא לקמן ראה גם לקו"ש ח"א ע' 135 ואילך. ח"ד ס"ע 1072 ואילך. ועוד.

16) ראה רמב"ם הל' יסודי התורה פ"ה. טושו"ע יו"ד סי' קנז.

17) דוגמא לזה בהלכה — כשמוסר נפשו על מצוה שאינה מהשלש דיהרג ואל יעבור (ראה האופנים שמותר אבל אינו מחוייב למסנ"פ: כס"מ הל' יסוה"ת שם ה"ד. טור יו"ד שם בריש הסימן ובנ"כ. שו"ע ורמ"א שם סעיף א. ש"ך שם סק"א. ובנ"כ השו"ע שם).

18) ראה סה"מ תרנ"ט שם.

19) ב"ר פ"א, ד. וראה תדבא"ר פי"ד (קרוב לסופו).

19*) ראה גם לקמן ע' 320 ואילך.

**די אַרבעט אין אַן אופן וואָס שטעלט (בדרך הטבע) אין סכנה די גאַנצע הרבצת התורה אויף אַלע געביטן. און דאָ איז די תמי׳ נאָך גרעסער: ווי אַזוי שטעלט מען בסכנה דעם חיזוק התורה והמצות והיהדות פאַר** בני חיובא **צוליב דעם לימוד התורה פון תינוקות של בית רבן?**

**ווי״ל דעם ענטפער אויף דעם, אַז די עבודה ביים רבי׳ן איז געווען אין אַן אופן פון אמת׳ן „חוקת״ — מסירת נפש אָן קיינע חשבונות. וויסנדיק זיין שליחות, אַז ער איז אַ נשיא ישראל וואָס דאַרף זאָרגן פאַרן קיום פון כלל ישראל — וואָס איז אָפּהענגיק אין דעם לימוד התורה פון תינוקות של בית רבן[20] (וכמאמר חז״ל[21] „אם אין גדיים אין תיישים״) — האָט ער זיך דערפאַר אַריינגעלייגט מיט דער גרעסטער מסנ״פ צו בויען און אויפהאַלטן חדרים פאַר גאָר קליינע קינדער.**

**אי, ע״פ טבע זעט זיך ניט אַז די אַרבעט זאָל זיין לזמן ארוך ובמילא בהצלחה — איז ווען דאָס וואָלט געווען אַ מסירת נפש וואָס איז מוגבל׳דיק און אָפּגעמאָסטן לויט חשבונות פון שכל, שכל התורה, דאַן וואָלט געווען אַן אָרט פאַר אַזאַ טענה;**

**וויבאַלד אָבער אַז דעם רבי׳נס מסנ״פ איז געווען אין אַן אופן פון „חוקת״ — איז אין דעם ניט נוגע דער חשבון — צי ער וועט מצליח זיין אָדער ח״ו ניט, אָדער צי ער וועט בכלל ניצול ווערן אָדער ח״ו ניט — דאָס געהערט צו דעם** אויבערשטן!

[ע״ד ווי חנני׳ מישאל ועזרי׳ **האָבן געזאָגט נבוכדנאצר׳ן[22], אַז אויב זיי וועלן האָבן אַ זכות וועט דער אויבער־שטער זיי ראַטעווען, אָבער אפילו אויב ניט — „והן לא״ — וועלן זיי סייווי זיך ניט בוקן ח״ו צום צלם; אפילו דאַן ווען זיי ווערן ניט געראַטעוועט, איז עס ניט דערפאַר וואָס** נבוכדנאצר **האָט די בחירה ורשות ח״ו זיי צו הרג׳נען[23], נאָר דאָס איז פון אויבערשטן, נ״נ איז נאָר אַ שליח פון אויבערשטן דורכצופירן דאָס[24]].**

**ו. די דרגא פון מסירת נפש, אין אַן אופן פון „חוקת״, האָט מען ביים רבי׳ן געזען במשך פון אַלע זיינע נשיאות־יאָרן בעלמא דין — די דרייסיק נשיאות יאָרן[25] וואָס זיינען געווען איינגעטיילט אין דריי תקופות פון „עשר שנים״[26]:**

**די ערשטע צען יאָר (בערך) זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער עבודה פון פאַרשפּרייטן תורה ויהדות אין אַ מצב פון סכנת נפשות** בפועל ממש.

**די צווייטע תקופה איז דער רבי גע־ווען אין אַ לאַנד וואו ס׳האָבן געלעבט**

---

20) שבת קיט, סע״ב.

21) אסת״ר פתיחתא יא. נתבאר בד״ה וקבל היהודים תרפ״ז (נדפס בסה״מ תיש״א ע׳ 180 ואילך. „התמים״ ח״ז ע׳ לו ואילך. בקונטרס בפ״ע כמה פעמים). וראה המכתב שנדפס (סה״מ שם ע׳ 195 ואילך. „התמים״ שם ע׳ עו ואילך. קונט׳ שם בסופו) לאחרי המאמר ע״ד המצב כו׳ בעת אמירת מאמר זה.

22) דניאל ג, יז־יח.

23) עפ״ז מובן מה שהשוו אותו לכלב — „את וחד כלב שוין״ (ויק״ר ספל״ג. הובא ברש״י דניאל שם, טז) — להדגיש שאינו בעל בחירה והוא רק ברשות הקב״ה, כמו כלב שטבעו לרוץ לפני בעליו אבל מחזיר תמיד פניו לראות להיכן בעליו הולך (ולהעיר מהוריות יג, סע״א). וראה עוד ביאור — לקו״ש ח״ח ע׳ 342 בהערה.

24) ראה אגה״ק סי׳ כה (קלח, ב).

25) ב׳ ניסן תר״פ — יו״ד שבט הש״ת.

26) להעיר מאבות ספ״ה (כגירסת אדה״ז בסדורו): בן ארבעים לבינה בן חמשים כו׳ ששים כו׳ שבעים כו׳.

גרויסע צאָלן פון אחינו בנ״י און עס איז געווען אַ מקום המתאים צו פאַרשפּרייטן תורת החסידות אויף אַ גאַר ברייטן אופן — אָבער דאָס איז דאָרט געווען פאַרבונדן מיט הגבלות, וואָס זייער סיבה איז געווען[27]: „ויקנאו בו אחיו״[28]; און דער רבי, ווּיסנדיק אַז „ואביו שמר את הדבר״[28] — אַז דער אויבערשטער האָט אויך דאָרט אַרויפגעלייגט אויף אים די שליחות פון הפצת התורה והחסידות — האָט ער דאָרטן געטאָן עבודתו מיט מסנ״פ.

און די דריטע תקופה איז געווען אין „חצי כדור התחתון״[29], דאָרט וואו פילע יאָרן האָט געהערשט די הנחה אַז „אַמעריקע איז אַנדערש״[30] — דאָ קען מען ניט פירן זיך ח״ו בשלימות ווי מען דאַרף זיך פירן. דאָ האָט מען געדאַרפט זיך שטעלן קעגן אַ מעכטיגן שטראָם און איינפלאַנצן תורה וחסידות אין אַן אָרט וואָס איז אויסערלעך ניט געווען מסוגל אויף דעם.

ז. ווי געזאָגט, אַלע דריי תקופות זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַן עבודה פון אומבאַגרענעצטע מסנ״פ — אָבער אין יעדער תקופה איז דאָס געווען אין זיין אופן:

ס׳איז אינו דומה כלל די מסירת נפש אין די לעצטע צוויי תקופות צו דער מסנ״פ פון דער ערשטער תקופה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת נפשות בפועל ממש[31]; און נאָכמער, אין זיין הרבצת התורה אַרבעט דאַמאָלס האָט דער רבי איינגעשטעלט ניט נאָר זיין אייגענעם לעבן, נאָר ער האָט אויך געשיקט אַנדערע אויף שליחות׳ן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט סכנת נפשות. און ביים רבי׳ן איז דאָך אַזאַ מסירת נפש, צו שטעלן אַ צווייטן אידן אין סכנה, אַ סך שווערער און טיפער ווי איינשטעלן זיך אַליין אין סכנת נפשות.

און נאָך מער: עס זיינען געווען פאַלן ווען אַזעלכע שלוחים זיינען אַנטדעקט געוואָרן פון דער ממשלה און זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו פאַרשיקונג, צו פייניקונגען[32] וכו׳ — און דאָך האָט מען אויף מאָרגן געדאַרפט ווידער שטיין אין דער תנועה פון מסירת נפש און אויסקלייבן אַ אידן און שיקן אים אַלס ממלא מקום פון דעם פאַרשיקטן שליח.

אָבער, לאידך, איז אין דער צווייטער תקופה געווען אַן אַנדער און (אין אַ געוויסן זין) אַ האַרבערע שווער[י]קייט, ווען מ׳האָט געדאַרפט בייקומען דעם ענין פון טענות וכו׳ פון „אחיו״: פאַרוואָס אַזוי און פאַרוואָס עפּעס ניט אַנדערש וכו׳ און פונדעסטוועגן איז מען ממשיך די אַרבעט — דאָס איז במדה ידועה נאָך שווערער ווי די פריערדיקע און פאָדערט אַ טיפערע תנועה פון מסירת נפש.

און גאָר אַנדערש איז די תנועה פון מסנ״פ אין דער דריטער תקופה, ווען מען האָט געדאַרפט גיין „קעגן דעם שטראָם״, ניט נתפעל ווערן פון די

---

27) ע״ד פתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר בנוגע לאדמו״ר הזקן.

28) וישב לז, יא.

29) ראה סה״מ תש״ח ע׳ 235 ואילך.

30) ראה שיחת כ״ק מו״ח אדמו״ר עד״ז (ספר השיחות תש״ג ע׳ 147. תש״ה ע׳ 77. ועוד).

31) שלכן יש מעלה במסירת נפש בפועל (מסירת הגוף) לגבי מסירת נפש בכח (ברוחניות כו׳) — סה״מ תקס״ב ע׳ יג. שערי תשובה (לאדהאמ״צ) ח״א ד״ה פדה בשלום פל״ז. שערי אורה ד״ה יביאו לבוש מלכות פי״ט. ועוד.

32) ראה כתובות (לג, ריש ע״ב): אילמלי נגדוה כו׳.

מלעיגים[33] און פון די שטערער וכו׳; און נאָך דעם אַלעם האָט דער רבי זיך ניט באַגנוגנט מיט אויפבויען די „אייגענע ד׳ אמות״ (און דאָן זיינען געקומען יועצים מיט דער הצעה זיך איינשליסן אין זיי ו„אני את נפשי הצלתי״, מ׳קען ניט מלחמה האָבן מיט אַ גאַנצע וועלט וכו׳) — נאָר ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו פאַרוואַנדלען דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ מקום תורה.

ח. ע״פ טבע איז ניט שייך, אַז ביים זעלבן מענטשן זאָל זיין די זעלבע מאָס מסנ״פ אין אַלע גאָר פאַרשידענע אופני עבודה. וואָרום אין אַן עבודה וואָס מ׳האָט אַ נטי׳ און קאָך, איז די מסנ״פ מער ווי אין אַן אַנדער אופן עבודה וכו׳ — ווי קען אָבער זיין די זעלבע גרעסטע תנועה פון מסירת נפש ביי די אַלע גאָר פאַרשידענע אופני עבודה?

איז די הסברה אין דעם, אַז ביים רבי׳ן האָט געלויכטן די נקודת המסירת נפש וואָס נעמט זיך פון עצם הנפש, וואָס דערפאַר איז כל מהותו געווען מסירת נפש. און דעריבער איז קיין חילוק ניט געווען אין וואָס פאַר אַ „ציור״ דער כח פון מסירת נפש האָט זיך געדאַרפט אָנטאָן — אין יעדן אופן העבודה איז געווען די זעלבע עצמ׳דיקע מסירת נפש.

ט. די שייכות צווישן דעם חג הגאולה און פרשת בלק:

חז״ל[34] זאָגן אַז בלק האָט פיינט געהאַט אידן „יותר מכל שונאים״. דערפאַר האָט ער זיך פאַרמאָסטן שלעכטס צו טאָן די אידן, כאָטש אַז אידן האָבן ניט געטאָרט צונעמען זיין לאַנד און האָבן געהאַט דעם ציווי „אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה״[35],

ער האָט ניט געקענט פאַרליידן די מציאות פון אידן. נאָכמער: אפילו נאָכדעם ווי ער האָט געזען אַז ער אַליין קען זיך ניט שטעלן קעגן די אידן, האָט ער זיך אַריינגעלייגט מיט אַ טרחא גדולה ביותר[36] און אַראָפּגעבראַכט אַ צווייטן (בלעמ׳ן), אַלץ כדי ברענגען שאָדן צו אידן.

און בדוגמא לזה איז אויך געווען ביי דער מאסר וגאולה פון רבי׳ן. די עבודה פון הרבצת התורה איז געווען — ווי דער רבי שרייבט אין זיין באַוואוסטן בריוו צו י״ב תמוז[37] — „מותרת היא על פי חוק המדינה״; און דער מאסר וגלות איז געקומען מצד דער הלשנה פון די וואָס האָבן געזוכט נוקם זיין זיך „בשומרי דת משה וישראל נגד חוקי המדינה״.

ד.ה. אַז דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן אַ פרומען אידן און אידישקייט, האָבן זיי זיך אַריינגעלייגט מיט אַ יגיעה גדולה — אפילו „נגד חוקי המדינה״ — אַבי צו קענען שטערן די אַרבעט פון רבי׳ן.

און כשם ווי ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט ביי דער מעשה פון בלק (ובלעם), אַז ניט נאָר האָט בלק ניט אויסגעפירט וואָס ער

33) ראה בארוכה ד״ה אין הקב״ה (בסה״מ אידיש בתחלתו) פ״ג ואילך, ועוד — שזהו עיקר הקושי במסירת נפש דדרא דעקבתא דמשיחא.

34) תנחומא פרשתנו (בלק) ב. במדב״ר פ״כ, ב (כגירסת הרד״ל).

35) דברים ב, ט.

36) פרשתנו כב, טו ואילך.

37) תפר״ח — נדפס בסה״מ תפר״ח ע׳ קמו ואילך. סה״מ תש״ח ע׳ 263 ואילך. וראה גם שיחת כ״ק מו״ח אדמו״ר ג׳ תמוז תרפ״ז — יום נסיעתו לעיר מקלטו קאסטראמא — לקו״ד ח״ד תרצב, ב. סה״מ קונטרסים ח״א קעו, רע״א. ועוד.

האט געוואלט: „ארה לי את העם הזה״[38], נאר אדרבה — זיין דינגען בלעם׳ן האט גאר געבראכט, אז אידן זאלן געבענטשט ווערן, און דורך בלעם׳ן גופא (וואס „הי׳ שונאם יותר מבלק״[39]), און מיט ברכות נעלות ביותר, ויהפוך ה״א לך את הקללה לברכה[40] —

עד״ז איז געווען ביי דעם בעל הגאולה והשמחה, אז די זעלבע מענטשן וואס האבן דעם רבי׳ן ארעסטירט, זיי אליין האבן געמוזט ארויסהעלפן אין זיין שחרור, ביז זיי האבן זיך גאר באמיט אז דער רבי זאל ארויספארן פון יענער מדינה[41].

יו״ד. דערנאך קומט די שייכות פון חג הגאולה מיט חוקת־בלק צוזאמען (כנ״ל ס״א) — און די הוראה דערפון בעבודת כאו״א — וי״ל דעם ביאור בזה:

אין דער התנגדות וואס בלק האט ארויסגעוויזן צו אידן קען מען נאך גע־פינען עפעס א טעם וסיבה, ווי ער האט געזאגט „עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור את ירק השדה״[42], און גאנץ מואב האט זייער מורא געהאט פאר אידן — „ויגר מואב מפני העם״[43].

עס איז דא אבער אזא התנגדות אויף אידן וואס איז אין אן אופן פון „חוקת־בלק״, די שנאה והתנגדות („בלק״) איז אן שכל וטעם (נאר אינעם אופן פון „חוקת״). נאך מער: ניט נאר האט ער ניט קיין טעם ושכל אויף דער שנאה, נאר עס איז גאר היפך השכל צו פרואוון שלעכטס טאן די אידן, ווארום ס׳איז ברור אז מען וועט עס ניט אויספירן;

און ווי מען געפינט אין דעם סיפור פון בלק ובלעם, אז בלעם האט גע־וואוסט אז ער וועט גארניט קענען אויפ־טאן, ווארום זייענדיק א נביא[44] און הערנדיק פון אויבערשטן „לא תאור את העם כי ברוך הוא״[45], וועט ער דאך זיכער ניט קענען דורכפירן דעם „ארה .. את העם הזה״[38], און ווי ער זאגט בלק׳ן „לא אוכל לעבור את פי ה׳״[46], „הדבר אשר ישים אלקים בפי אותו אדבר״[47] —

און פונדעסטוועגן, מצד דער שנאה עצמית צו אידן, האט ער זיך ניט גע־קענט איינהאלטן, און געפרואווט אויס־פירן בלק׳ס בקשה „ארה לי את העם הזה״.

— ועד״ז איז דא אין דער עבודה פון יעדן איינעם, ווי דער רבי איז מבאר אין מאמר פון הילולא[48], אז עס איז פאראן שטות דקליפה וואס איז למטה מן הדעת; ווי א סך הנהגות וואס מענטשן פירן זיך אזוי נאר דערפאר „ווייל אזוי טוט וועלט״ און זיי זיינען „כמו חוק שבלתי מזיזים אותו״ — ווי די „זמני

---

38) פרשתנו שם, ו.

39) רש״י פרשתנו כב, יא. מתנחומא שם ה בסופו. במדב״ר שם, ט.

40) תצא כג, ו. וראה לקו״ת סד״ה ולא אבה וביאורו.

41) ראה גם לקו״ש ח״ח ס״ע 120 ואילך. ח״ד ע׳ 1065 ואילך.

42) פרשתנו שם, ד. וראה רש״י שם, ה (ד״ה והוא).

43) שם, ג. וראה רש״י דברים שם.

44) ו„כמשה״ — ספרי עה״פ (ברכה לד, יו״ד) „ולא קם גו׳״. וראה תנחומא ובמדב״ר ריש פרשתנו. ולהעיר, שגם בנוגע לבלק אמרו חז״ל (תנחומא שם ד. במדב״ר שם, ז. וראה רש״י פרשתנו כג, יד) „שהי׳ בעל קסמים ונחשים יותר מבלעם״.

45) כב, יב.

46) שם, יח.

47) שם, לח. ועד״ז כמה פעמים בהפרשה.

48) באתי לגני ה׳שי״ת.

אכילה וזמני השינה", וואס ע"פ רוב זיינען זיי „בלתי נידחים כלל ועיקר", בה בשעה וואס די זמני הקביעות פון תורה ותפלה האָבן ניט, ח"ו, בא עם קיין קבע, און אמאל שטופט מען זיי אָפּ אינגאַנצן ח"ו — וואס אַזאַ הנהגה האָט קיין אָרט ניט אין שכל.

און דורכדעם וואס עס איז דאָ די עבודה פון „חוקת" — די שטות דקדושה למעלה מטעם ודעת (ווי דער רבי איז דאָרט מבאר אין מאמר) — איז מען מהפך די שטות דקליפה צו שטות דקדושה.

יא. אין אַזאַ אופן — פון „חוקת־בלק" — איז אויך געווען די התנגדות אויפן רבי'ן:

ווי ידוע[49], האָט ל. איינער פון די צוויי אידן וואס האָבן דעם רבי'ן אַרעס־טירט געוואָלט ביים אַרעסטירן טראָגן דעם רבי'נס פעקל, זאָגנדיק „חסידים בלייבן חסידים, מיין זיידע האָט גע־טראָגן די פעקלעך ביי אייער זיידן, און איך וועל טראָגן אייער פעקיל"; אויך אין אַ שפּעטערדיקער פאַל, האָט ער אין זיינע רייד צום רבי'ן אים אָנגערופן „רבי!"[50].

דאָס איז ע"ד ווי דער מיטעלער רבי האָט געזאָגט[51] אויף דעם וואס האָט אויף אים מלשין געווען — און פונ־דעסטוועגן האָט ער אים אָנגערופן „רבי" — אַז „פיו הכשילו", ביי אים האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דאָס וואס בפנימיות אָנערקענט ער אַליין אַז דאָס איז דער אמת.

ועד"ז בעניננו, אַז דאָס וואס ל. האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט און גערעדט צום רבי'ן, האָט זיך עס גענומען דערפון וואס בנפשו פנימה האָט ער געוואוסט דעם אמת[52]:

און ניט קוקנדיק אויף דעם — ובפרט אַז דער רבי האָט אים בפירוש מזהיר געווען אַז ער וועט סוף־סוף האָבן יסורים[53] — (און ווי ס'איז טאַקע גע־ווען לפועל, אַז די וואס האָבן אַרעס־טירט דעם רבי'ן האָט די ממשלה זיי סוף־סוף דן געווען כו') — האָט ל. גע־טאָן וואס ער האָט געטאָן, זיין התנגדות איז געווען למטה מטעם ודעת.

און דורכדעם וואס ביים רבי'ן איז גע־ווען די הנהגה פון „חוקת", די מסירת נפש למעלה מטעם ודעת, האָט דאָס מבטל געווען די גאַנצע התנגדות אין אַן אופן — ווי ער זאָגט אין היינטיקער הפטורה[54] — פון „וכל אויביך גו'",

ביז, ווי גערעדט פריער, אַז זיי אַליין האָבן געמוזט באַפרייען דעם רבי'ן, און ס'איז צוגעקומען נאָך אַ יו"ט ביי אידן; און דאָס וועט סוף סוף מהפך זיין דעם גאַנצן חודש תמוז לששון ולשמחה ולמועדים טובים[55], בקרוב ממש.

(משיחות ש"פ חו"ב, י"ב תמוז, תשל"ה. יו"ד שבט תשל"ד)

---

49) לקו"ד ח"ד תריח, ב. ס' התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 113.

50) ס' השיחות תש"א ע' 138. לקו"ש ח"ד ע' 1062. ס' התולדות שם ע' 210.

51) בית רבי ח"ב פ"ה. ס' התולדות אדמו"ר האמצעי ע' 112.

52) ראה גם לקו"ש שם ע' 1064.

53) ס' התולדות אדמו"ר מוהריי"צ שם ע' 189.

54) מיכה ה, ח.

55) ראה בארוכה שיחה שלאח"ז.

# יב־יג תמוז

**א. ווי באוואוסט, האָט יעדער חודש זיין ענין ותוכן מיוחד [1]; און פאַרשטאַנ־דיק [2] (ובפרט — אַז אַלץ איז דאָך בהשגחה פרטית), אַז דער חודש וואָס האָט אין זיך אַ יום מיוחד (אָדער — ימים מיוחדים) איז דער תוכן פון דעם חודש פאַרבונדן מיט דעם תוכן פון טאָג (אָדער — טעג).**

**[לדוגמא: אין חודש אדר האָבן די ימי הפורים [3] אויפגעטאָן, אַז דער גאַנצער חודש איז נהפך געוואָרן לזמן פון שמחה — „החודש אשר נהפך להם גו'" [4] — ביז להלכה למעשה, אַז דער גאַנצער חודש איז כשר לקריאת מגילה [5], אויך — „משנכנס אדר מרבין בשמחה" [6]; עד"ז חודש ניסן ווערט אָנגערופן חודש הגאולה [7] צוליב דעם וואָס בחמשה עשר בו איז געווען די גאולה פון מצרים].**

**בנוגע דעם חודש תמוז געפינט מען אַז ער האָט אין זיך צוויי ענינים הפכיים:**

**דער יום מיוחד פון דעם חודש, וואָס ווערט דערמאָנט אין תורה שבכתב (אין נביאים [8]), איז „צום הרביעי" — דער צום פון שבעה עשר בתמוז [9] וואָס אין דעם טאָג איז „הובקעה העיר" [10]; און**

1) ראה תרגום שני לאסתר ג, ז. וכל חודש יש לו מזל מיוחד (ר"ה יא, ב ובפרש"י שם. וצע"ק בשבת קנו, א שלא הובא מזל חודש). ובכל חודש מאיר צירוף מיוחד דשם הוי' (הובאו במשנת חסידים במקומם). ועוד.

2) וכן מוכח בתרגום שני שם.

3) ולהעיר ממגילה יג, ב: נפל פור בחודש אדר . . ובשבעה באדר נולד. וראה בארוכה לקו"ש חט"ז ע' 345 ואילך.

4) מג"א ט, כב.

5) ירושלמי ריש מגילה. וברמ"א או"ח סתרפ"ח ס"ז: והכי נהוג.

6) תענית כט, סע"א (ואילך). מג"א או"ח סתרפ"ו סק"ה.

7) שמו"ר פט"ו, יא. ועד שאמרז"ל: בניסן נגאלו בניסן עתידין להגאל (דעת ר"י ר"ה יא, רע"א. ובשמו"ר שם סתם כוותי').

8) זכרי' ח, יט.

9) כ"ה בירושלמי תענית פ"ד ה"ה. ספרי ואתחנן עה"פ שמע ישראל. תוספתא סוטה ספ"ו. רמב"ם בפיה"מ לר"ה פ"א מ"ג. הל' תעניות פ"ה ה"ד. טאו"ח סתקמ"ט (אבל ראה ב"י שם ד"ה ור' עקיבא). רד"ק ומהר"י קרא זכרי' שם. ולדעת כמה כ"ה הגירסא גם בבבלי ר"ה יח, ב (הובא בחי' הר"ן וריטב"א שם. דק"ס שם).

אבל גירסת רוב הספרים בבבלי שם (וראה ראב"ע זכרי' שם, יח) „זה ט' בתמוז שבו הובקעה העיר" — והבבלי לשיטתי' אזיל ד„בראשונה הובקעה העיר בתשעה בתמוז" (תענית כח, סע"ב. וכ"ה בטושו"ע או"ח שם ס"ב), והקרא דזכרי' איירי לאחרי חורבן בית ראשון. אבל ראה הערה הבאה.

והירושלמי לשיטתי' (תענית שם) ד„קילקול חשבונות יש כאן" וגם בראשונה הובקעה בי"ז בו. וכן צ"ל בספרי ותוספתא שם (שהרי הוזכר שם* „שבו הובקעה העיר").

והרמב"ם שכתב (הל' תעניות שם ה"ב) ד„הובקעה ירושלים בחורבן שני" ומ"מ מפרש הכתוב דזכרי' על י"ז תמוז כנ"ל — כי לשיטתו נקבע הצום גם בראשון לי"ז תמוז, מפני שבאותו היום** (נשתברו הלוחות ו)בטל התמיד (ראה צפע"נ לרמב"ם שם)***.

10) **וראה טו"א לר"ה שם „דאפילו לגמ' דידן בא' נמי הובקעה בי"ז כו'" (אלא ששם כתב ש„מפני קלקול החשבונות לא הי' מתענין בו (בי"ז) אלא בט'"). והא דאמרו בתענית שם דבראשונה הובקעה העיר בט' תמוז — „איכא למימר כמו שהפסוק לא רצה לשנות ממה שהיו סבורים הכי נמי התנא"**

*) ורק זה (דלא כבירושלמי שם).

**) ואין מתענין **גם** בט' תמוז — מפני שלא רצו הצבור לקבל (ראה צפע"נ שם, שמפרש כן דברי הירושלמי תענית שם). או דבטל התמיד חמיר מבקיעת העיר.

***) ועפ"ז י"ל דאין להוכיח ממ"ש „הובקעה . . בחורבן **שני**" שיטתו בחורבן ראשון (ראה הערה הבאה) — כי אין מזה **נפק"מ** מכיון שבלא"ה נקבע הצום (גם אז) לי"ז תמוז, ומכיון דלא ברירא לי' נקט רק חורבן שני.